ר' יוסף לאקש

פון דראָשנע (אין פוילען)

מעשה מהרב הגדול והחכם מוהר"ר יוסף לאקש מדראָשנע.

און פון זיין גבאי עקיבא בלאו.

ווער עס וויל וויסען וואס פאר א טייערער רב דאס איז געוועזען, זאל פארט'ן זעהן דעם פינקס וועט איהר וויסען וואס פאר חכמות ער האט געוויזען, און איהר וועט פון דעם פיל' פערגעניגען האבען בעסער פון דעם בעסטען טעאטער.

פרייז 5 קאפ'

פערלאג און אייגענטהום פון בוכהאנדלונג
ם. קנאסטער, ווארשא, פראנציסקאנער 39.

317

ווארשא
שנת תרע"א לפ"ק

Масе Мегаравъ ІОСИФА ЛОКША
т. е. Разсказъ о раввинѣ Іосифѣ Локшѣ изъ Дресна.

ВАРШАВА, 1911.

ר׳ יוֹסֵף לָאקְש

פון דְרַאזְשנֶע (אין פּוילֶען)

מַעֲשֶׂה מֵהָרַב הַגָּדוֹל וְהֶחָכָם מוהר״ר

יוֹסֵף לָאקְש מִדְרַאזְשנֶע.

און פון זַיין גַבַּאי עֲקִיבָא בְּלָאו.

ווער עס וויל וויסען וואס פאר א טייערער רב דאס איז געוועזען, זאל פאהרען זעהן דעם פינקס ווערט איהר וויסען וואס פאר חכמות ער האט בעוויזען, און איהר וועט פון דעם פיעל פערגעניגען האבען בעסער פון דעם בעסטען טעאטער.

פרייז 5 קאפ׳

פערלאג און אייגענטהום פון בוכהאנדלונג
מ. קנאסטער, ווארשא, פראנציסקאנער 39.

ווארשא

שנת תרע״א לפ״ק

Масе Мегаравъ ІОСИФА ЛОКША
т. е. Разсказъ о раввинѣ Іосифѣ Локшѣ изъ Древля.

ВАРШАВА, 1911.

Тип. „Конкордія“ Варшава. Закрочимская !

די מענשען וואס געפינען זיך דא

1 שמריא גענו מיט אלאקש

2 דער בת קול

3 של דאמפת אטפוך

4 דער פריסטאוו

5 דער דין תורה 1. 2. 3.

6 דיא קאטשקע מיט צוייא קאלין

7 עקיבא בלאו

8 ר' יעקב מיט ר' שמואלין

אין פּוילין איז דאָ אַ קליין שטעדטיל וועלכע מע רופט דאָס דראָשנע. בשנת תק"פ . . , האָבען זיי אויף גענומען אַ רב ווייער אַ אילדער . . . חכם אַ גרויסער . . . בר שכל אַ גרויסער בעל מקובל. היינו זעקס גראָשען פּסק געלד האָט ער מקבל געווען פאַר דעם גרעסטען דין תורה. זיין ווייב איז געווען איין אשה צנועה וחסידה זי האָט געהייסען שאָשי. דער רב אַליין האָט געהייסען ר' יוסף לאָקש. משום מעשה שהיה. האָט מען איהם צוגעזעצט דעם נאָמען לאָקש.

בשנת תק"פ . . . בחודש חשון האָט מען איהם אויפגענומען פאַר רב אַז סע געקומען חנוכה האָבען די מענטשען פון דעם שטעד־טעל פערלאַנגט די רביצין זאָל זיי מאַכען אַ סעודה לכבוד חנוכה האָט זי געקויפט עטליכע גענז. און האָט זיי געשאָכטען און צורעכט געמאַכט כדבעי. און האָט זיי געשטעלט נעבען דער קאַנאַפּע. דער רב איז געקומען פונ'ם קלייזעל נאָך מנחה מעריב אהיים האָט ער זיך צוגעלעגט אַ ביסעל שלאָפען ביז די בעלי בתים וועלען זיך צונויף קומען אויף דער סעודה לויפט אַריין דער שמש איהם רופען ער זאָל געהן מסדר קדושין זיין עס איז דאָ אַ חופּה. דער רב שטעהט אויף אין דער גיך ער וויל אָנטהון די שיך אויף די פּיס. ער חאַפּט די צוויי גענז און קריכט אַריין מיט די פּיס און טהוט זיי אָן. מע דאַרף זיך נאָך אַ פאַטשיילע צום קבלת קנין. טהוט ער אַ חאַפּ אַ בלעטיל לאָקשען וואָס איז געלעגען אויפ'ן טיש און ריקט אַריין אין קעשענע אין לויפט געשווינד צו דער חופּה. ווי ער איז מיט'ן שמש געקומען אין שול אַריין מע דאַרף דאָך מקבל קנין זיין ביים חתן אויף דער כתובה ער שלעפּט אַ־ויס דאָס בלעטיל לאָקשין און גיט דעם שמש, נאָט אייך די פאַטשיילע און גיט איהר דעם חתן ער זאָל מקבל קנין זיין דער שמש נעמט ביי איהם די פאַטשיילע ער זעהט אַז עס איז גאָר אַ בלאַט לאָקשין ער מאַכט זיך נישט וויסענדיג ער בעהאַלט די בלאַט לאָקשין און האָט נעגעבען דעם חתן אַנ'אַנדער פאַטשיילע אויף קבלת קנין. דערנאָך האָט ער גענומען אַ האָניטשע פון זיין שטיוועל און האָט אָבגעגעבען דעם רב. נאַט אייך רבי אייער פאַטשיילע ער ריקט אַריין אין קעשענע. וואָס נייט איהם אָן אַ בי אַ פאַטשיילע. אַ בי אַ קעשענע פאַטשיילע.

דער שמש האָט גענומען די בלאַט לאָקשין און האָט געוויזען די נגאים פון דער שול און נאָך בעלי בתים פון דער שול, האָבען זיי ערשט געזעהן וואָס פאַר אַ ... חכם ווייער רב איז. האָט מען גע־

נומען די בלאט לאקשין און מען האט זי אויפגעהאנגען נעבען דעם תמיד. דעם רב האט מען פון דענסטמאל אן געגעבען א נאמען ר׳ יוסף לאקש און די בלאט לאקשין האט מען געמאכט א חרם אז קיינער טאר זי נישט אראבנעמען זי הענגט נאך היינט אויף אין שול ווער עס וויל קען ער פאהרען אהין קיין דראושנע וועט ער זעהן דעם טייערין לאקש.

דער רב אליין איז זיך נאך דער חופה נעגאנגען א היים מיט צוויי גענז אויף די פיס. ער האט זיך געגעבען א קלאפ און א שטיק האלץ האט דאס איהם צוריסען איין גאנז ער בלייבט שטיין בארוועס ער הויבט זיך אן קראצען איי געוואלד ווי אזוי נעהט מען מיט א בארוויסער פוס אהיים. ער שלעפט ארויס די פעטשיילע פון דער קעשענע און בינד זיך ארום די פוס און נעהט ווייטער. א קעגען איהם לויפט א הונד. דער הונד האט דערשמעקט א גאנז ער לויפט נעשווינד צו צום רב און הויבט אן צו שלעפען ביי איהם די גאנז פון דער פוס.

דער רב הויבט אן שרייען געוואלד רח כלב סרוח רח כלב שוטה (ער האט גערעדט שטיפילאווע) אני דיין דפה. אני מרא דאתרא ספה. געוואלד. געוואלד. געה אוועק פון מיין פוס. דער הונד הערט איהם מיט׳ן קאטער ער רייסט די גאנז כרבעי דער רב האט געמאכט א געוואלד אז מע איז צונויף געלאפען פיעל מענטשען מען האט ארויסגעטראגען ליכט האט מען געזעהן אז ער האט אנגעטהון א גאנז אויף די פוס און דער הונד שטעהט און דרעהט די סעודה גאנץ געשמאק האבען זיך אלע צולאכט און זענען אוועק נעגאנגען דער הונד האט זיך אזוי לאנג פערזאמט נעבען איהם ביז ער האט אויפ-געגעסען די גאנז מיט די ביינער און איז זיך אוועקגעגאנגען זיין וועג. דער רב חאפט אראב די יארמילקע פון אונטער דעם שטראמעל און טהוט אן אויף דער פוס און לויפט גלייך אהיים אויף איין פוס א שמאטע אויף דער אנדערער פוס די יארמילקע ער לויפט אריין און שטוב. געוואלד שאשי, געוואלד שאשי... שאשי וואס איז דיר מיין טייערער רב. אוי געוואלד עס [illegible] מיר שלעכט צורייסט מיר דעם סטאן איך האב זיך וועהר דערשראקען. שאשי. אוי א צרה איז מיר, א שלאק איז מיר פאר ווען האסטו זיך דערשראקען וואס מיר שוין מיין טייערער מאן.

דער רב שרייט געוואלד שאשי דעם סטאן צורייסט מיר גיך אראב. איך האב זיך וועהר שטארק דערשראקען. שאשי! וואס מיר

שוין פּאָר גועסען האָסטו זיך דערשראָקען. דער רב אוי. איך נעדענק שוין נישט פאָר וועסען. שאָשי חאַפּט אין דער גיך און צורייסט איהם דעם סטאַן פון דעם העמד טאַקי ביז אַראָב.

דער רב לעגט זיך אויף אַ קאַנאַפּע ער ליעגט אַ קענגען אַ שעה און חאַפּט זיך אויף, אוי אוי שאָשי קום אַהער איך וועל דיר דערצעהלען מיין דערשרעק וואָס איך האָב געהאַט פריהער איך בין נעגאַנגען פון דער חופה, הערזשע שאָשי איך נעה מיר אַזוי פון דער חופּה הער זשע שאָשי האָב איך זיך נעגעבען אַ זעץ מיט אַ פוס אַ שטיק האָלץ איך האָב צוריסען אַ שיך הער זשע שאָשי. שאָשי נאָ ויאָס זשע נעוועזען הער זשע איך נעה ווייטער לויפט ער מיר אַ קענגען אַ פּנים אַ נלגול בדמות כלב. אוי נעוואַלד האָב איך זיך דער־שראָקען דאָס ערשטע מאָל זעה איך אַ כלב זאָל עסען אַ שיך איך האָב נעשריגען נעוואַלד ער האָט מיך נישט געהערט ער האָט אויפנעגעסען דעם גאַנצען שיך איז ער ערשט אַוועק פון מיר. אוי אוי נעוואַלד. שאָשי בלייבט שטעהן אַ ביסעל און קוקט איהם אין די אוינען. עס נעדויערט נישט קיין מינוט שאָשי געפינט זיינע שיך זי הויבט אָן שרייען שאַ נאָר יוסף אָט איז דאָך דאָ דיינע שיך.

דער רב נעהמט די שיך אין דער האַנד. ער בעטראַכט זיי יאָ שאָשי ביסט טאַקי נערעכט עס איז טאַקי מיינע שיך זאָג זשע מיר שאָשי וואָס קען דאָס זיין סע זאָל זיין אַ סברא אַז דער גלגול האָט מיר אָבנעבראַכט די שיך. ניין, עס קען נישט זיין וואָרום זאָל דאָס אַנדערש זיין אַז נאָר דער גלגול, וואָלט ער זיך נאָר נעדאַרפט ברענ־נען איין שיך. וואָרום ער האָט זיך נאָר אויפנעגעסען איינעם. אלא נישט, איך זאָל זאָגען. הער זשע שאָשי אַז דער שטיק האָלץ האָט מיר גע־בראַכט די שיך האָט ער זיך מיר אויך נאָר צוריסען איין שיך. נאָר איך זאָל זאָגען אַז דאָס האָלץ מיט'ן גלגול האָבען ביידע געבראַכט די צוויי שיך פערשטעה איך נישט פון וואַנען האָט איינער נעוואוסט פון אַנדערען. שאָשי נעהט דערווייל אַוועק צו די נענז. ער שרייט הער זשע שאָשי קום אַהער. זי טהוט אַ קוק עס איז ווינציגער צוויי נענז זי טהוט זיך אַ חאַפּ ביים קאָפּ אוי נעוואַלד אַ פּנים אַז דו האָסט אָנגעטהון די נענז אויף די פיס. ער טראַכט אַ ביסעל. אפשר יאָ ביסט נערעכט שאָשי עס קען אַנדערש נישט זיין ווי אָ־ום אַ כלב זאָל עסען אַ שיך דאָס איז טאַקי נישט שכיח זי הויבט איהם אָן צו שעלטען. ער בעט זי איבער און רעדט איהר איין, שאַ נאַרעלע דער [illegible] ז דאָך נישט קיין פרעמדער ער איז דאָך טאַקי פון דראַזשנע

מילא לאָז דיך דערמאָנען אַז דער סבאָרשטשיק האָט אויפגעגעסען אײַן גאַנז . . .

בַּת קוֹל .

נישט ווײַט פון דראַזשנע זעקס ווערסט איז דאָ אַ דאָרף טאַראַ־רעוויקע דאָרט האָט געוואוינט אַ מוכסן ר׳ שמואל יצחק אַ גאַנץ פײַנער מענטש . בחודש תמוז . י״ג ימים לחודש איז בײַ איהם געווען אַ ברית מילה . האָט ער געוואָלט אַז דער רב זאָל זײַן בײַ איהם סנדק אַזוי האָט ער אָנגעשריבען אַ קוויטעל צום רב אַז ער בעט איהם ער זאָל קומען צו פאָהרען צו איהם אויף דעם ברית ער זאָל זײַן סנדק . און האָט געשיקט אַ פויער פון דעם דאָרף מיט׳ן קוויטעל צום רב , ער זאָל איהם ברענגען צום ברית. דער פויער איז געקומען צום רב און האָט איהם געגעבען דאָס קוויטעל .

דער רב האָט זיך באַלד אויפגעזעצט אויף דער עגלה און איז געפאָהרען מיט דעם ערל אויפ׳ן ברית, ווי זיי קומען אין מיטען וועג איז דער ערל אַראָבגעגאַנגען פון דער עגלה און האָט איהם געהייסען צוהאַלטען די לייצין און אַליין איז ער אַוועקגעגאַנגען אין וואַלד.

דער רב זיצט אויף דער עגלה און האַלט די לייצין באימה ובפחד גדול. דער רב הייבט אָן שרייען יוואַן מעהר קען ער נישט רעדען.

דער ערל ענטפערט איהם פון דעם וואלד יאָסי דערושע ווישקאָ . . .

דער רב האָט דערהערט דאָס קול פון דעם וואַלד . האָט פאַר פרייד אָבגעלאָזט די ווישקעס (לייצין) און איז אַראָב געשווינד פונם וואָגען און האָט געוואַשין די הענט . אַ אַ געלויבט איז השי״ת איך האָב געהאַט אַ זכיה צו הערען אַ בת קול פונ׳ם הימעל . מצוה גוררת מצוה , אח״כ איז ער אַרויף אויף דער עגלה און דער ערל האָט איהם געבראַכט קײַן טאַראַרעוויקע אויף דעם ברית און ער איז געוועזן סנדק און האָט דערצעהלט פאַר אַלע מענטשען אַז ער האָט געהערט מיט אַ בת קול פון הימעל .

עַל דְאַטֵפְתְּ אַטְפוּךְ וְסוֹף מְטַיְפָיִךְ יְטוּפוּן :

בשנת תק״צ י״ד ימים לחודש תמוז די היץ האָט זעהר גע־ברענט אַז עס איז געוועזען אונמעגליך אויסצוהאַלטען האָט דער רב געזאָגט צו זיין משמש ער זאָל זיך געהן מיט איהם באָדין אין טייך . דער משמש האָט איהם געוועהנליך נישט פערזאָגט , ובפרט דער טייך איז געוועזען נאָהנט פון זיין שטוב זיי ביידע געהען צום טייך דער רב מיט׳ן משמש האָבען זיך ביידע אויסגעטהון און געהען אַריין אין טייך .

דער רב איז נאָר אָבגעגאַנגען עטליכע טריט אין וואַסער איז געוועזען אַ שטיינדיל איז ער נאָר וואָס אומגעפאַלען האָט איהם תיכף דער משמש אַרויסגעחאַפט פונ׳ם טייך דער רב לויפט אַרויס פונ׳ם טייך און חאַפט אויף זיך אַרויף דאָס העמד מיט׳ן טלית קטן און די תחתונים האָט ער אפילו נישט פערשפילעט און לויפט געשווינד אַ היים מיט אַ ציטערניש ער לויפט אַריין אין שטוב מיט אַ געשריי גע־וואַלד שאָשי געוואַלד שאָשי אוי געוואַלד . שאָשי מיט אַ ציטערניש וואָס איז מיין טייערער רב .

דער רב אין איין געשריי געוואַלד שאָשי . שאָשי וואָס איז . דער רב אוי געוואַלד מהו נאָר אַ קוק שאָשי צי איך בין דערטרונקען צי ניין .

שאָשי ניין שרעק זיך נישט ביסט נישט דערטרונקען . ער שרייט אין איין אָטום געוואַלד און האַלט די תחתונים עס איז געוועזען אַזאַ געשריי אַז מע האָט איהם געמוסט אַריין רופען אַ מנין מענטשען און זיי האָבען איהם געזאָגט בפירוש אַז ער איז נישט דערטרונקען אַז ער האָט שוין געהערט פון אַ מנין מענטשען אַז ער איז נישט דער־טרונקען האָט ער זיך ערשט צוגעשפילעט די תחתונים .

דֶער פְּרִיסטַאוו .

בשנת תק״צ בחודש אֶלול איז הרב געשטאַנען אויף דער גאַס לעבען זיין שטוב מיט דער יאַרמילקע (קאַפּיל) אויפ׳ן קאָפּ און מיט די שיך אין זאָקען איז דורך געפאָהרען דער סטאַניוואָיע פריסטאַוו פון דראָושנע האָט הרב נישט אַראָבגענומען די יאַרמילקע (קאַפּיל) פאַר׳ן פריסטאַוו האָט דאָס דעם פריסטאַוו אַביסעל פערדראָסען ער געקומען צו צום רב און פרעגט איהם מיא חטא טמאי [illegible] [illegible] .

האָט דער רב איהם געענטפערט יאַ נאַס רב... (נאַשע ראַבּין). דער פריסטאַוו האָט אַ לאַך געטהון פון זיין ענטפער און איז זיך אַוועקגעגאַנגען זיין וועג. שפּעטער מיט אַ קליינע צייט איז דער פּריסטאַוו ווייטער אַ דורך געפאָהרען ווי ער טהוט אַ קוק דער רב שטעהט אויף. דער גאַס נאָך מיט איינעם און רעדט. (דאָס איז געווען אַ גוטער יוד) ער געהט נאָך אַ מאָל צו און פרעגט איהם אויף דעם גוטען יודען אַ עטאָ חטאָ טאַקי (ווער איז ער).

דער רב ענטפערט איהם עטאָ נאַס רב (ער איז אונזער רב). דער פּריסטאַוו צום רב טיא סקאַזאַל שאָה טיא נאַס רב. (דו האָסט געזאָגט דו בּיסט רב) ענטפערט איהם דער רב. ע ע. וויא ניזנאַייטע יאַ נאַס רב טאָט דראַזשנע אַ וויָן נאַס רב נא צילע סוויט. דער פּריסטאַוו האָט זיך גוט אויסגעלאַכט און איז זיך אַוועקגעפאָהרען זיין וועג.

דער דין תּוֹרה.

צוויי מענטשען האָבּען געהאַט אַ דין תורה איינער האָט געקויפט בּיים אַנדערען אַ פערד פאַר 40 רו״כ און דאָס פערד האָט נישט גע־געקאָנט מאָטשין זענען זיי געגאַנגען צום רב האָבּען אַ דין תורה. זיי קומען אַריין אין שטוב. דער רב איז נישטאָ. זיי פרעגען די רביצין זי ענטפערט זיי וואַרט אַ בּיסעל ער איז אַרויסגעגאַנגען ער קומט בּאַלד מן הסתם זענען זיי געזעסען און האָבּען אויף איהם גע־וואַרט עס האָט געדאָערט איין ערך פון אַ האַלבּע שעה און עס איז אַ מעשה אָהן איין עק. זיי ווילען אַוועקגעהן. דאָס ווייבּ לויפט אַרויס געשווינד און זאָגט איהם גנעה שוין אַריין. זיי וואַרטען נאָך אַ בּיסעל זיי ווילען ווייטער אַוועק געהן דאָס ווייבּ לויפט ווייטער צו איהם. קאַם מיט צרות ער איז שוין אַריינגעגאַנגען אין שטוב ער זעצט זיך אַנידער. הויבּט איינער אָן צו טענה׳ן. רבּי איך האָבּ געקויפט בּיי איהם אַ פערד פאַר 40 רובּל און דאָס פערד וויל נישט מאָטשין. דער רבּי הערט אויס די טענה און טהוט אַ געשריי מיט אַ משונה קול שאָשי גיבּ אַהער דעם שאַך (ש״ך). שאָשי דערלאַנגט איהם דעם ש״ך ער האַלט זיך אָן פאַר אַ שפּיץ בּאָרד און לערנט מיט אַ ניגון אַז ראובן האָט געקויפט בּיי שמעון אַ פערד און דאָס פערד האָט נישט געקאָנט מאָטשין עס שטעהט זיך גאָר נישט אין ש״ך קיין מאָטשין. רופט זיך איינער אָן צום רב. רבּי מאָטשין מיינט מען

משתין זיין. הא נאך א מאל ווען ראובן האט געקויפט ביי שמעון א פערד און דאס פערד וויל נישט מאטשין און מאטשין זאגט איהר זיך אז מען מיינט משתין זיין. נא שוין גוט. שאשי נעם צו דעם שאך.

שאשי נעמט צו דעם ש"ך, און נעהט אוועק מיטן ש"ך, זאגט דער רב צו זיי פערשטעהט איהר אצונד איז שוין גוט. לערן איך אב א קל וחומר. יענע וואך איז געקומען צו מיר א פאר פאלק זיי ווילען זיך גטן האב איך זיי געפרעגט פאר וואס ווילט איהר זיך גטן האט מיר דער מאן געענטפערט אז זי בא... זיך. נא אזוי ווי דארט איז דאס געווען א חסרון און דא וואלט דאס געווען א מעלה. נמצא אז די קניה איז טאקי א גוטע קניה... זיי האבען איהם בעצאהלט זיין פסק געלד און זענען אוועק געגאנגען צופרידען זייער וועג. אט האבען זיי געזעהן די חכמה פון דעם רב, איז זיי זעהר געפעלען און זיי האבען דערצעהלט פאר אלע שטאדט לייט פון דראזשנע איז מפורסם געווארען אין אלע מענטשענס אויגען פון דעם שטאדט די חכמה פון דעם רב ווי אזוי ער האט אבגעלערנט א קל וחומר אזוי האט מען דעם דין תורה פערשריבען אין פינקס און עס איז נאך עד היום פערשריבען דער פסק, וואס דער רב האט געפסקנט. ראובן און שמעון מיט דעם פערד.

צוויי מענטשען זענען זיך געקומען צום רב זיך לאדין האט איינער פריהער אבגעטענה'ט זיינע טענות זאגט איהם דער רב דו ביסט גערעכט.

דער צווייטער הייבט אן צו טענה'ן זאגט ער איהם דו ביכט אויך גערעכט.

דאט ווייב די רביצין נעהט צו צו איהם. אזאך און וועת איז דיר אז דו גיסט זיי ביידע גערעכט וועלען זיי זיך דיר נישט געבען קיין פסק געלד ווי וועסטו נעמען אויף צו לעבען. זאגט ער צו איהר ביסט אויך גערעכט.

די קאטשקע.

פעם אחת בבוקר איז הרב געגאנגען ער זאל זיך מכין זיין צום דאווגען אזוי ווי דער סדר איז. ווי ער איז אזוי געזעסען האט ער דערהערט מען האט געשאסען א קאטשקע. ער האפט די תחתונים פון דער האנד און לויפט געשווינד ארויין אין שטוב מיט א גרויס

ציטערניש און שרייט געוואַלד שאָשי געוואַלד.

שאָשי וואָס איז.

געוואַלד שאָשי... הערסט דו שאָשי וואָס זאָל איך דיר זאָגען עס איז שלעכט. געוואַלד.

שאָשי.

שאָשי וואָס איז.

אוי געוואַלד שאָשי מען האָט געשאָסען. שאָשי וואָס געשאָסען וועמען, געשאָסען אוי אוי געוואַלד שאָשי מען האָט געשאָסען, שאָשי זאָג מיר שוין וועמען האָט מען געשאָסען. ער האַלט די תחתונים. אוי. הערסטו שאָשי געשאָסען האָט מען אודאי נאָר איך ווייס נישט צי מיך צי די קאַטשקע. שלעפ אַרויס די קאָהל.

שאָשי וואָס פאַר איין קאָהל וואָס האָט זיך דיר געחלומ׳ט אַ קאָהל. ער האַלט די תחתונים און שרייט געוואַלד אין איין אָטום דו וועסט מיר נישט איינרעדען געוואַלד מע האָט געשאָסען שלעפ אַרויס די קאָהל. ער האָט אַזוי לאַנג געשריגען ביז מען איז געלאָפען צום גבאי פון דער שול און נאָך צו עטליכע בעלי בתים. האָט איינער געזאָגט אַז מען מוז שיקען נאָך אַ רופא (פעלשער) עס העלפט גאָר נישט. האָט מען באַלד געשיקט נאָך דעם רופא און דער רופא האָט איהם אַריינגעוואָרפען עטליכע קאַנעס האָט איהם אָנגעהויבען צו לעקסירען ביי דער לעצטער קאַנע האָט דער רופא גענומען צוויי קאַרטאָפליס און האָט איהם געוויזען אַז עס איז אַרויס פון איהם צוויי קאָהלען האָט ער זעהר געדאַנקט דעם רופא וואָס ער האָט איהם אַרויסגעשלעפט די קאָהלען און פון די צוויי קאָהלען איז געוועזען אַ גאַנץ מחלוקת.

דער רופא האָט געזאָגט מען זאָל אָבגעבען דעם וואָס האָט געשאָסען איין טייל מענטשען האָבען געזאָגט אַז מען זאָל פון זיי מאַכען דער רביצין אַ פּאָר פּאָלקיס (אוירינג) האָט דער רבי געזאָגט אַז ער איז אויך מסכים דערויף איז אַזוי געבליבען האָט מען באַלד פון די צוויי קאָהלען געמאַכט דער רעבעצין אַ פּאָר פּאָלקיס און זיי געהמ נאָך היינט אויך אין זיי, זי רעכט זיך די צייטען פאָהרען קיין ווין אויף דער וויסטאַווע מיט די פּאָלקיס קענט איהר פאָהרען קיין ווין דעם 14 יול וועט איהר זעהן די שעהנע רביצין מיט די טייערע פּאָלקיס..

ר׳ יַעֲקֹב און ר׳ שְׁמוּאֵל.

אין דראָזשנע האָבען געוואוינט צוויי שותפים ר׳ יעקב און דער אַנדערער האָט געהייסען ר׳ שמואל זיי זענען געווען זעהר פיינע סענטשען אָרענטליכע לייט גאַנץ קלוגע און גרויסע סוחרים ר׳ יעקב איז געווען איין גרויסער עושר און איין גרויסער למדן א מופלג בתורה. און ר׳ שמואל איז געווען א גרויסער סוחר. ויהי היום האָט זיך געמאַכט אז ר׳ שמואל האָט אָנגעוואָרען זיין גאַנץ פערמעגען הכלל עס איז איהם געוואָרען זעהר שלעכט אז ער האָט נישט געהאַט אַפילו מזון סעודה אחת אַזוי האָט ר׳ יעקב מיט איהם געמאַכט שותפות, אויף אַזאַ אופן אז ר׳ יעקב זאָל געבען געלד אויף סחורה קויפען און ר׳ שמואל זאָל פאָהרען פערקויפען די סחורה. זיי זענען געווען שותפים א צייט מיט יאָהרען און דאָס שותפות איז געווען מיט גרויס הצלחה.

ויהי כי ארכו הימים. עס איז געקומען אין א צייט אַרום אז ר׳ שמואל האָט געדאַרפט אַוועקפאָהרען אין וועג אַריין אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען. האָט ער זיך אָבגעזעגענט מיט ר׳ יעקב זיין שותף און מיט זיין ווייב מיט די קינדערליך און זיך בשלום אַוועק געפאָהרען.

ר׳ יעקב האָט זיך בעקלערט. איך בין שוין מיט איהם שותפות אַ צייט מיט יאָהרען. איך וועל אומיסטען פריווען נאָך־פאָהרען ר׳ שמואל און וועל זעהן די הוצאות וואָס ער מאַכט אויף דעם וועג.

ר׳ שמואל איז אַוועקגעפאָהרען אין דער פריה. און ר׳ יעקב האָט אויף דעם אייגענעם טאָג געהייסען שפאַנין אַ פיר מיט גוטע צוויי פערד און איז אַרויסגעפאָהרען אויף דער נאַכט פון דער היים.

ר׳ יעקב איז ביי נאַכט אָנגעקומען אויף דער ערשטער סטאַנציע ער פרעגט די בעל־הבית׳טע. איז דאָ געווען ביי טאָג ר׳ שמואל דראַזשנער זי ענטפערט איהם יאָ ער איז היינט געווען ביי טאָג און האָט אָבגעגעסען א מיטאָג און אָבגעטרונקען טיי און איז זיך אַוועק געפאָהרען ווייטער. ר׳ יעקב מאַכט זיך נישט וויסענדיג. ער לעגט זיך שלאָפען. אין דער פריה האָט ר׳ יַעֲקֹב געהייסען דעם משרת שפאַנען די פערד און איז זיך ווייטער געפאָהרען אויף דעם זעלביגען טראַקט ווי ר׳ שמואל איז אַוועקגעפאָהרען.

ר׳ יעקב איז געפאָהרען א גאַנצען טאָג ביז אויף דער נאַכט איז געוואָרען חמאָרנע אין דרויסען (גאָס) דער היטצעל הויז זיך זעהר

פערחמאָרעט און עס האָט אָנגעהויבען צו גיסען אַ גוטער רעגען אין דרויסען. ר׳ יעקב איז קוים צוגעפאָהרען צו אַ קרעטשמע ער האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער האָט איהם געבראַכט צו איין אָרט ער זאָל זיך קענען אָברוהען. אַזוי האָט דער משרת אויסגעשפאַנט די פערד און ר׳ יעקב געהט צו צום בעל הבית און פרעגט איהם ווען איז דאָ געוועזען ר׳ שמואל דראַזשנער דער בעל הבית ענטפערט איהם ר׳ שמואל איז געקומען היינט ביי טאָג איז ער דאָ געשטאַנען ביז פאַרנאַכט אַצונד אַז עס האָט אָנגעהויבען צו געהן דער רעגען איז ער דאָ גע־בליבען נעכטיגען האָט ער זיך געלעגט שלאָפען אין אַ נומער.

ר׳ יעקב האָט אָבגעגעסען מיטאָג און האָט זיך אָבגענומען איין אַנדער נומער און האָט זיך אויך געלעגט שלאָפען און איז זעהר געשמאַק אַנטשלאָפען געוואָרען. און פריהער האָט ער אָנגעזאָגט דעם משרת אַז בראָך טאָג זאָל ער איהם אויפוועקען. מחמת ר׳ שמואל וועט פאַר טאָג אוועק פאָהרען. דאַרף מען איהם נאָכפאָהרען.

ווי עס איז געוואָרען צוועלף אַ זייגער איז ר׳ שמואל אויפגע־שטאַנען פון שלאָף און איז אַרויסגעגאַנגען אין הויז האָט ער דערקענט ר׳ יעקב׳ס צוויי פערד מיט דער בריטשקע, ער געהט גלייך אַריין צום בעל הבית און פרעגט איהם ווער איז דאָ געקומען מיט די צוויי פערד. דער בעל הבית ענטפערט איהם איך ווייס נישט ווער ער איז. עס איז געקומען אַ פיינער מענטש און האָט מיך געפרעגט אויף אייך האָב איך איהם געענטפערט אַז איהר שלאָפט אין איין נומער האָט ער אָבגעגעסען און האָט זיך געהייסען איך זאָל איהם געבען איין נומער איז ער געגאַנגען שלאָפען נאָר ער האָט אָנגעזאָגט זיין משרת אַז שפעטער מיט אַ פאָר שעה נאָך אייער אַוועקפאָהרען זאָל מען איהם אויפוועקען. ר׳ שמואל האָט דאָס דערהערט. האָט ער קיין סך שהיות נישט געמאַכט. און איז געגאַנגען מיט זיין משרת און האָט גענומען ר׳ יעקב׳ס בריטשקע און האָבען אויסגעדרעהט מיט׳ן דישעל צוריק. זיין עגלה האָט ער באַלד געהייסען שפאַנען און איז אוועקגעפאָהרען און האָט געבעטען דעם בעל הבית ער זאָל באַלד אויפוועקען ר׳ יעקב׳ן און זאָל איהם זאָגען אַז ר׳ שמואל איז שוין גאַנץ לאַנג אוועקגעפאָהרען.

דער בעל הבית האָט ר׳ שמואל׳ן צוליעב געטהון און תיכף ווי ר׳ שמואל איז פון איהם אוועקגעפאָהרען אַזוי האָט ער אויפגע־וועקט ר׳ יעקב׳ס משרת און האָט איהם געזאָגט אַז ר׳ שמואל איז שוין גאַנץ לאַנג אוועקגעפאָהרען. אַזוי האָט דער משרת באַלד אויפ־

געוועקט ר׳ יעקב׳ן. און האט איהם געזאגט אז ר׳ שמואל איז שוין גאנץ לאנג אוועקגעפאהרען. ר׳ יעקב געהט ארויס אין דרויסען, ער זעהט עס איז זייער פינסטער. נאר מען דארף זיך פאהרען עס איז נישט קיין הירוץ ער הייסט דעם משרת שפאנין די פערד דער משרת האט איינגעשפאנט די פערד אזוי ווי די בריטשקע איז געשטאנען מיט׳ן דישעל צום טויער און איז ארויס געפאהרען טאקי דורך דעם טויער. ער ווייסט דאך ער איז אריינגעפאהרען אויף דעם ערשטען טויער געוועהנליך דארף ער פאהרען אצונד דורך דעם אנדערען טויער. ער האט אבער נישט געוואוסט אז ר׳ שמואל האט איהם אויסגעקעריוועט צוריק דעם דישעל. ער פאהרט אוועק פון דארט עס איז זייער חמארנע אין דרויסען ער שמייסט די פערד נעביך גאנץ גע־שמאק. זיי זענען אזוי געפאהרען זעהר ניך גאט האט געהאלפען עס איז נאר וואס טאג געווארען זיי טהון א קוק זיי זענען שוין נאהנט פון דראזשנע. זיי בלייבען שטעהן וואס הייסט דאס ווי קומען זיי פלוצלים צוריק קיין דראזשנע.

ר׳ יעקב ווערט גוט אין כעס אויף דעם משרת און הויבט איהם אן צו שעלטען. סטייטש דו מאכסט חוזק. וואס איז דאס פאר א פאהרען. דער משרת פערענטפערט זיך און שווערט מיט שבועות אזוי ווי ער איז אריינגעפאהרען אין דער הויז פון דעם פאס־טויאל אויף דעם טויער פון דעם וועג און האט זיך געשטעלט מיט׳ן דישעל א קעגען יענעם טויער ווי מיר האבען געדארפט נאך־פאהרען נאך ר׳ שמואל׳ן.

ר יעקב האט פערשטאנען אז דער משרת איז נעבעך נאר נישט שולדיג עס איז נישט אנדערש אז ר׳ שמואל האט דאס איהם אבגע־טהון כדי ער זאל איהם נישט נאך־פאהרען.

ר׳ יעקב רופט זיך אן צום משרת. נא עס איז פערפאלען ר׳ שמואל האט אונז גוט אבגעטהון. נאר עס איז נישט פערפאלען דו זאלסט שווייגען איך וועל איהם אבטהון א שפיצעל ער וועט זיך גוט קראצען. נישטקשה. דער משרת איז אריינגעפאהרען מיט ר׳ יעקב׳ן קיין דראזשנע.

ר׳ יעקב איז געקומען צו זיך אהיים. און האט דערצעהלט זיין ווייב וואס ר׳ שמואל האט איהם אבגעטהון. נאר עס איז נישט פערפאלען.

ר׳ יעקב האט זיך פערשפארט אין א בעזונדער חדר און האט געהייסען זיין ווייב מיט די קינדער זאלען זאגען פאר אלע מענשען

פון דעם שטעדטיל אז ער איז אוועק געפאָהרען אין דער איינציגער שטאָדט וואָס ר׳ שמואל זיין שותף איז אוועקגעפאָהרען. געוויינליך האָט דאָס ווייב איהם געפאָלגט אזוי ווי ער האָט איהר געהייסען זי האָט פאר אלע מענטשען געזאָגט אז ר׳ יעקב איהר מאן איז אוועקגעפאָהרען אום שותף ר׳ שמואל. ר׳ שמואל׳ס ווייב איז אויך געוואָהר געוואָרען אז ר׳ יעקב איז אוועק געפאָהרען צו איהר מאן.

ר׳ יעקב איז אזוי געזעסען אין איין בעזונדער ציממער איין ערך פון צוויי חדשים ער איז נישט ארויסגעגאנגען אויף ליכטיגער שיין כדי מען זאָל מיינען אז ער איז טאקי אוועקגעפאָהרען.

ויהי כי עברו הימים. עס איז אוועק געגאנגען א שטיקעל צייט. ויהי לעת ערב. עס איז געקומען פאר נאכט האָט ר׳ יעקב געהייסען שפאנען זיינע פערד און איז מיט׳ן משרת ארויסגעפאָהרען פון דראָזשנע עטליכע ווערסט און האָבען זיך תיכף אומגעקעהרט אין שטעדטיל אריין. און ר׳ יעקב האָט תיכף געשיקט רופען ר׳ שמואל׳ס ווייב ער זאָל איהר אָבגעבען א גרוס פון ר׳ שמואל׳ן. זי האָט דערהערט אז ר׳ יעקב איז געקומען פון דעם וועג איז זי תיכף געגאנגען צו ר׳ יעקב׳ן אָבנעמען א גרוס אָדער א בריעף פון איהר מאן.

ר׳ שמואל׳ס ווייב קומט גלייך אריין אין שטוב. וואָס מאכט איהר ר׳ יעקב וואָס הערט זיך עפיס, האָט איהר מיר געבראכט א בריעף פון מיין מאן. ער ענטפערט איהר עפיס קאלטבלוטיג. און וואָס דען א גרוס וואָס מאכט ער עפיס מיין מאן. ער שווייגט אביסעל צו. יאָ וואָס זאָל ער מאכען. און שווייגט ווייטער. זי פערשטעהט אין זיינע רייד עס איז עפיס נישט פרעהליך. זי הייבט אָן פאר איהם צו וויינען זאָגט מיר איך בעט אייך ר׳ יעקב וואָס מאכט מיין מאן אפשר איז ער קראנק חלילה זאָגט מיר איך בעט אייך. ער ענטפערט איהר וואָס זאָל זיין. און שווייגט ווייטער.

זי הייבט נעביך אָן צו וויינען זאָגט מיר איך בעט אייך אפשר איז ער חלילה געשטאָרבען ער שווייגט א ביסעל צו. דער נאָך נעמט ער ארויס א צוואה פון קעשענע און גיט איהר און לייענט איהר איבער ווי אזוי ער האָט איהר אָרענטליך בעהאנדעלט און די קינדער אויך זעהר אָרענטליך בעהאנדעלט, און דערצעהלט איהר שוין ווי ער איז געשטאָרבען אין וואָס פאר א מדינה און ווי אזוי ער האָט איהם מקבר געוועזען גאנץ פיין.

הכלל זי האָט זיך נעביך גיט אויסגעוויינט און די קינדער אויך רעסטגלייכען זיי האָבען איהם זעהר שיין בעקלאָגט און האָבען זיך געזעצט שבעה. אַזוי ווי דער סדר עולם איז. און האָבען געזאָגט קדיש נאָך זייער פאָטער. אַזוי ווי דער סדר עולם איז. עס איז אַזוי אַוועקגעגאַנגען איין ערך פון פיער חדשים עס איז געקומען די צייט צווי וואָכען פאַר פסח די בלאָטע איז זעהר גרויס און עס רעגענט א ביסעל אויך.

ר׳ שמואל איז געקומען בײַ נאַכט אַרום צעהן א זייגער קיין דראַזשנע, עס איז שוין פינסטער אויף דעם גאַנצען שטעדטיל ער פאָהרט צו גלייך צו זיין שטוב. ער טהוט אַ קלאַפּ אין לאָדין שרה עפּען מיר שרה חאַפּט זיך אויף פונ׳ם שלאָף מיט אַ גרויס ציטערניש ווער איז? ער ענטפערט איהר איך שמואל זי הויבט אָן צו שרייען מיט אַ ציטערניש געוואַלד.

שמואל וואָס האָסטו צו מיר געה דיר אין דיין רוה אַריין. איך האָב אָבגעוואָהנט מיט דיר אַזאַ צייט און מיר האָבען געלעבט צווישען זיך זעהר אָרענטליך און האָב געפאָלגט דיין צוואה. איך בעט דיך זעהר געה דיר אין דיין רוה אַריין איך האָב נאָך צוויי קליינע קינדערליך וואָס איך דאַרף זיי מדריך זיין געה דיר אין דיין רוח אַריין. ער קלאַפּט ווייטער זי שרייט צו איהם געה דיר איך בעט דיך שרעק מיר נישט איבער די קליינע קינדערלעך.

ר׳ שמואל אַליין איז קיין נאַר נישט געוועזן ער האָט בעמערקט דאָ מוז עפּיס זיין, ער לויפט אַוועק גלייך צו זיין טאָכטער וואָס האָט געוואָהנט אויך אין דראַזשנע ער טהוט אַ קלאַפּ אין לאָדין. עפען. ווער איז האָט געגעבען אַ געשריי די טאָכטער. ער ענטפערט איהר איך זיין פאָטער שמואל די טאָכטער הייבט נעביך אָן צו שרייען מיין ליבער און טרייער פאָטער איך בעט דיך זעהר האָב רחמנות אויף מיין מאַן ער איז נעבעך זעהר קראַנק און אויף די קינדערליך די קליינע געה דיר אין דיין רוה אַריין איך בין געזעסען שבעה נאָך דיר די גאַנצע וואָך קדיש וואָלט איך געזאָגט בין איך דאָך קיין חיוב נישט און הייבט נעביך זעהר שטאַרק אָן צו וויינען טאַטע האָב אויף מיר רחמנות און געה דיר אין דיין רוה אַריין. וואָס האָסטו צו מיר. כרחם אָב על בנים. אַצונד האָט ער דאָך שוין פערשטאַנען אַז דאָס איז עפּיס אָבגעטהון איין שפּיצעל ער געהט זיך אַוועק פון דער טאָכטער און געהט זיך גלייך צו זיינעם אַ זון וואָס האָט אויך געוואָהנט אין דראַזשנע ער געהט גלייך פון דער טאָכטער צום זון

און קלאַפּט איהם אָן אין דעם לאָרען חיים עפּען . ה׳ ט׳ חאַפּט זיך איף וועד איז, ער ענטפערט איהם איך דײַן פאָטער שמואל. ער ענטפערט איהם ליעבער טאַטע גנעה דיר אין דײַן רוה אַרײַן וואָס האָסטו צו מיר איך בין אַ יונגער טאַטע פון קלײַנע קינדערלעך שבעה בין איך געזעסען נאָך דיר קדיש היט איך אָב אַלע טאָג פּריה און אויף דער נאַכט .

איך בעט דיר מײַן געטרײַער פאָטער וואָס האָסטו צו מיר גנעה דיר אין דײַן רוה אַרײַן מײַן ווײַב איז ערשט פון אַ קינפּעט אַ נאָמען האָב איך נעגעבען נאָך דיר עס זאָל דיר דאָרט זײַן גרינגער צו ליעגען און הײַבט אָן זעהר שטאַרק צו וויינען אוי טאַטע האָב אויף מיר רחמנות און גנעה דיר אין דײַן רוה אַרײַן .

ר׳ שמואל האָט זיך מיישב געווען וואָס טהוט מען עס איז גאַנץ שלעכט אַ רעגען נעהט אין דרויסען ער איז שוין נעבעך גוט אָבגעגאָסען געוואָרען . ער האָט זיך מיישב געווען ער וועט אַרײַן צום רב ר׳ יוסף זוי אַזוי עס וועט זײַן וועט ער דאָרט איבערנעכטיגען . אין דער פריה וועט ער שוין מן הסתם וויסען וואָס דאָס איז פאַר אַ שפּיעל . ווער עס האָט איהם אָבגעטהון אַזאַ שפּיצעל .

שאָשי די רביצין איז גראַדע די נאַכט מחילה געגאַנגען טבילה . . .

דער רב זיצט און לערנט ביז צוועלף אַ זייגער בײַ נאַכט .

עקיבא דער שמש פון קהל איז גראַדע געקומען צום רב האָט איהם דער רעגען בעפאַלען איז ער געבליבען נעכטיגען בײַם רב .

עקיבא זיצט לעבען רב און וואַרט ביז דער רב וועט זיך לייגען שלאָפען וועט ער זיך ערגיץ אויך צושפּאַרען , ביז פאַר טאָג .

ר׳ שמואל געהט גלײַך צו צום רב׳ס שטוב ער זעהט עס לײַכט זיך בײַם רב ער איז זיך ממש מחיה ער טראַכט זיך לאָז שוין זײַן ווי אַזוי עס איז ער וועט זיך דאָ פערברענגען די נאַכט . ער געהט צו גלײַך צום רב׳ס טהיר . ער זעהט אַז די טהיר איז פערשלאָסען ער געהט צו צום לאָדין און טהוט אַ שטאַרקען קלאַפּ רבי עפענט .

דער רבי ווער איז . ער ענטפערט איהם איך ר׳ שמואל ר׳ יעקב׳ס שותף .

דער רב האָט דערהערט שמואל ער הײַבט אָן שרײַען גנעה

דיר אין דײַן רוה אַרײַן. ער הערט איהם גלײַך מיט'ן קאָמיר ער שרײַט רבי איהר מוסט מיר עפענען.

דער רבי חאַפּט אין דער גיך אַ שופר און שרײַט עקיבא בלאָז תקיעה אַ מת איז געקומען צו אונז.

עקיבא נעמט אין דער גיך דעם שופר און הײבּט אָן צו בלאָזען אַ תקיעה.

ר' שמואל הײבּט אָן צו שרײַען רבי איך וועל פון דאַנען נישט אוועקגעהן איך בין וועהר נאַם.

דער רב שרײַט, עקיבא בלאָז תרועה, עקיבא בלאָזט תרועה.

אָבער ר' שמואל שרײַט רבי עפענט מיר.

דער רב שרײַט עקיבא בלאָז תשר"ת. עקיבא בלאָזט מיט'ן גאַנצען כח און שמואל טראַכט זיך בלאָזט איך קלאַפּט איך טרוט איך וואָס איהר ווילט איך וועל פון דאַנען נישט אוועקגעהן איך מוז אַרײַן אין שטוב.

ר' שמואל קלאַפּט ווײַטער רבי עפענט.

דער רב שרײַט אני מארי דאתרא מפה. איך בין אויף דיר גוזר זאָלסט זיך געהן אין דײַן רוה אַרײַן. ער שטעהט בײַ'ם לאָרן און וויל נישט אוועקגעהן.

דערווײַל האָט זיך די רביצין אויפגעחאַפּט פונ'ם שלאָף און איז אַרויסגעגאַנגען אויף דער אונטער טהיר אין הויז אַרײַן אַ קוק טהון צום פלײַש וואָס זי האָט געלאָזט אויף וואַרעמעס.

ווי ר' שמואל האָט דערהערט אַז מען האָט געעפענט די אונטער טהיר ער חאַפּט זיך גלײַך אַרײַן און פערקײַטעלט די טהיר און קריכט אַרײַן צו דער רביצין אין בעט און די רביצין איז געבליבען שטײַן אין הויז זי געהט צו צו דער טהיר און וויל עפענען די טהיר אַרײַנגעהן זיך לעגען שלאָפען. די טהיר איז שוין פערשלאָסען.

די רביצין געהט צו צום לאָדין און קלאַפּט אָן יוסף עפען מיר, ער זאָגט ווער איז איך שאָשי דײַן ווײַב ער שרײַט אין איין אָטהעם געוואַלד עקיבא בלאָז תשר"ת וועהסט אָט איז ער שוין שאָשי. וואָס וויל ער האָבען נעה דיר אין דײַן רוה אַרײַן.

ר' שמואל ליעגט אין בעט. און לאַכט וועהר פון דער קאָמעדיע.

די רביצין טהוט אַ קוק אַז מען בלאָזט שופר און מען שרײַט איהר געה אין דײַן רוה אַרײַן. שלעכט זי נעהמט מחילה נאָכ'ן אין

אין חסד און דער רעגען וואַשט זי ווער זי קלאַפּט אין צום שכן מען זאָל איהר עפענען דער שכן האָט איהר באַלד געעפענט און האָט זי אַריינגעטאָן אין שטוב.

די רפיצין האָט איהם דערצעהלט ווי אַזוי עס איז מיט איהר דאָ אָנגעגאַנגען געהט דער שכן צום לאָדען און טהוט אַ קלאַפּ האָט געפּענט מיר.

ווער איז ער ענטפערט איך ראובן אייער שכן.

דער רב געוואָלד עקיבא בלאָז, אַט איז ער שוין ראובן. עקיבא האָט אַזוי לאַנג געבלאָזען ביז ער האָט זיך אָנגעבלאָזען גוטע צוויי גאַלים אויפ׳ן האַלז ער קען נאָך היינט אויך זיך נישט צוריהרען צום האַלז.

דער שכן איז זיך אַריינגעגאַנגען צו זיך אין שטוב און די רביצין האָט שוין ביי איהם איבערגענעכטיגט.

דער רב מיט עקיבא׳ן זענען שוין ביידע געזעסען ביז פאַר טאָג.

ר׳ שמואל האָט זיך דערווייל אביסעל איבערגעשלאָפען ער האָט זיך אויף ער וועהט פון ווייטען אַז דער רב זיצט איבער אַ גמרא און לערענט און עקיבא זיצט לעבען רבי׳ן אויף אַ בענקיל רויט ווי דער מעהר פאַר שרעק און צוויי גוטע באַמבעס אויף דעם האַלז פון שופר וואָס ער האָט געבלאָזען אַ גאַנצע נאַכט.

אַזוי איז ר׳ שמואל געלעגען ביז עס איז טאָג געוואָרען איז ער אַראָבגעגאַנגען שטילערהייד פון דעם געלעגער און האָט זיך געעפענט די טהיר און איז זיך אַרויסגעגאַנגען און איז גלייך געגאַנגען אין דער גרויסער שול ווי ער איז געקומען אין שול אַריין האָט ער געטראָפען אַ מנין מענטשען וואָס האָבען זיך געוואָלט שטעלען דאַוונען ותיקין האָט ער זיי דערצעהלט די געשיכטע ווי אַזוי עס האָט זיך מיט איהם פּאַסירט די גאַנצע נאַכט אַזוי האָט מען געשיקט רופען זיין ווייב מיט די קינדער און מען האָט זיך געפרעגט פון האַנען זיי וואָלטען געוואָרען אַז ער איז געשטאָרבען האָט ר׳ שמואל׳ס ווייב געבראַכט די צוואה וואָס ר׳ יעקב האָט איהר געגעבען און ווי אַזוי ער האָט איהר דערצעהלט ווי און וואָס פאַר איין טרם ער איז געשטאָרבען אַזוי איז מען ערשט געוואָהר געוואָרען פון די גאַנצע זאַך וואָס ר׳ יעקב האָט ר׳ שמואל׳ן אָבגעטהאָן. דערווייל איז זיך ר׳ שמואל געגאַנגען צו זיך אַהיים צו זיין ווייב און קינדער זעהר פרעהליך און עס איז ערשט געווען זעהר אַ גרויסע

שׂמחה בײַם חײַט מיט די קינדערלין. און דערפֿאַר װאָס ר׳ יעקב
האָט אָבגעטהון אַזאַ זאַך האָט מען געמאַכט אײן אסיפה בײַם רב.
און מען האָט ר׳ יעקב׳ן געקנסת דערפֿאַר. ודײַ מקײם בױמיל אױפֿ׳ן
נר תמיד. דעם שמש ר׳ עקיבא זאָל ער געבען אַזױ פֿיעל פּרוטות
װיפֿיעל גאָלי בעטרעפֿט, מחמת ער האָט זײַ דורך איהם בעקומען.
דעם שופר אַלײן װאָס מען האָט געמוטשעט זאָל ער איהם מאַכען אַ
פֿידעל, און דעם רביצין זאָל ער אומקערען דאָס מקוה געלד װאָס
האָט איהר געקאָסט. דעם רבי׳ן אַלײן פֿאַר זײַן שרעק האָט ער געגע־
בען אַזױ פֿיעל פּרוטות כמנין תשר״ת און פֿאַר דעם געלד האָט מען
איהם געמאַכט אַ פּאָר פּאַנטאָפֿעל מיט אַ פּאָר זאָקען זײַ װענען נאָך
הײַנט איך װערט דאָס געלד, און ר׳ יעקב האָט אױסגעפֿאָלגט דעם
פּסק און האָט מקײם געװען אַזױ װי די אסיפה האָבען אָבגעמאַכט
און מען האָט דעם פּסק פֿערשריבען אין פּנקס אױף דור דורות װען
איטער װעט הײַנט אױך טהון אַזאַ זאַך װעט ער אױך האָבען דעם
זעלבען קנס װאָס ר׳ יעקב האָט געהאַט.

ענדע